**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/12/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 32 מיליאן דאלערדיגע ביליגע האוזינג און קונסטווערק-פארבינדענע דעוועלאפמענט אין איטעקע**

***Ithaca Arthaus Development רעכנט אריין 123 ביליגע און שטיצנדע היימער און קאמיוניטי קונסטווערק פלאץ אין די Cherry Street דיסטריקט***

***אינוועסטירונג באגלייט די "Southern Tier Soaring" – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

***בילדער פון דעם פראיעקט זענען פארעפענטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קאנסטרוקציע איז פארענדיגט אויף א נייע 32 מיליאן דאלארדיגע האוזינג דעוועלאפמענט פאר צוגענגליכע פרייזן און א קונסטווערק צענטער אין די ניי פארמירטע Cherry Street דיסטריקט אין איטעקע סיטי. באקאנט אלץ Ithaca Arthaus, רעכנט די 123-אפארטמענט דעוועלאפמענט אריין קונסטווערק-פארבינדענע קאמיוניטי איינריכטונגען און שטעלט צו 40 היימער פאר יונגע מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס צו קענען לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט.

"מיר זענען איבערגעגעבן אהערצושטעלן הויכע קוואליטעט, באקוועמע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן וואו ניו יארקער קענען וואוינען, ארבעטן, לערנען און שפילן אין די קאמיוניטיס וואס זיי האבן ליב", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "Ithaca Arthaus איז א באגייסטערנדע דעוועלאפמענט פאר מערערע באנוצן און עס וועט טרייבן עקאנאמישע און שעפערישע וואוקס אין די סיטי'ס נייע קונסטווערק דיסטריקט און עס ברענגט וויכטיגע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר די וועלכע נויטיגן זיך דערין."

Ithaca Arthaus איז טייל פון גאווערנער האקול'ס ברייטע פלענער צו מאכן האוזינג מער גרינג זיך צו ערלויבן, יושר'דיג און סטאביל. די גאווערנער האט אריינגעלייגט און ערפאלגרייך פארזיכערט אין די לעצטנס דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט א נייע 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע, ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט פארמערן די האוזינג סופליי דורכן בויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכנענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די דעוועלאפמענט רעכנט אריין 123 אפארטמענטס פאר צוגענגליכע פרייזן מיט 40 היימער אוועקגעלייגט פאר יונגע מענטשן וועלכע וואקסן אויס פאסטער קעיר פראגראמען. זיי וועלן באקומען שטיצע סערוויסעס דורך אן עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו ( Empire State Supportive

Housing Initiative) געשאנקען צו .Tompkins Community Action, Inc, און אנגעפירט דורך די סעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance).

די דעוועלאפמענט'ס אונטערשטע שטאק רעכנט אריין צוויי פלעצער, די Cherry Gallery (טשערי גאלעריע) און די Cherry Studio (טשערי סטודיא) — פאר איינוואוינער צו אנטייל נעמען אין קונסטווערק און טעאטער-פארבינדענע אקטיוויטעטן, מיט הילף פון .Cherry Arts, Inc, די נישט-פאר-פארדינסט פירמע וועלכע פירט אן די Cherry Artspace וואס געפונט זיך נעבן די נייע דעוועלאפמענט. די Cherry Gallery וועט זיין א פלאץ פאר אויסשטעלונגען פון קונסטווערק און אזוי אויך פאר סאלאן אויפשפילונגען פון מוזיק, מולטי מידיע און פארשטעלונגען. די Cherry Studio וועט זיין א פלאץ זיך צוזאמצוקומען און לערנען צוזאמען פאר סעמינארן, עפטער-סקול פראגראמען און גרופע אקטיוויטעטן.

שטייענדיג אויף Cherry Street לענגאויס די קאַיוּגע טייך איינגאס ברעגע אין א געוועזענע ביזנעס שטח דרום-מערב פון איטעקע'ס שטאט צענטער — איז Ithaca Arthaus נאענט צו די איטעקע און גרעיהאַונד באס סטאנציעס און עטליכע גראסערי געשעפטן, אריינרעכענענדיג אן עסן קאאפעראטיוו, און אזוי אויך פארמאסיס, מעדיצינישע אפיסעס, פינאנציעלע אינסטיטוציעס און ריטעיל געשעפטן.

די דעוועלאפמענט'ס ענערגיע שפארזאמע מאסנאמען רעכענען אריין פענסטער און מעבל מיט ENERGY STAR סטאנדארטן, שפארזאמע הייצונג און קילונג סיסטעמען וועלכע זענען אריינגעבויט אין די ווענט, ענערגיע שפארזאמע LED באלייכטונג, דירעקטע מיטערס פאר עלעקטריציטעט, לאָו-פלאָו פלאמבינג איינריכטונגען, און די געביידע'ס אינסולעישען שטייט אויף א שטאפל פון 25 פראצענט העכער פון וויפיל עס איז פארלאנגט דורך די געזעץ.

סטעיט פינאנצירונג פאר די 32 מיליאן דאלארדיגע Ithaca Arthaus רעכנט אריין 4.8 מיליאן דאלאר אין פערמאנענטע באנדס וועלכע זענען פטור פון טעקס, פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע האבן אויפגעטריבן 10.9 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 14 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal). דער דעוועלאפּער פון Ithaca Arthaus איז די Vecino Group.

**היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** "Ithaca Arthaus איז א 32 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועלכע וועט אוועקשטעלן די סיטי'ס נייע Cherry Street דיסטריקט מיט אפארטמענטס פאר צוגענגליכע רענט, אויסערגעווענטליכע קונסטווערק-באזירטע קאמיוניטי איינריכטונגען און שטיצנדע סערוויסעס פאר פילע יונגע מענטשן וועלכע גייען אריין אין זייערע ערשטע פערמאנענטע, סטאבילע היימער. מיר זענען באגייסטערט צו ברענגען אזא גוט אויסגעפלאנירטע דעוועלאפּמענט צו ווערן א רעאליטעט, און מיר באדאנקען איטעקע סיטי, the Vecino Group, Cherry Arts און אלע שותפים וועלכע טיילן מיט אונזער בליק פון בויען לעבטיגע, באגייסטערנדע שטאט צענטער דעסטינאציעס ארום די גרויסע ניו יארק סטעיט."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער דעניעל וו. טיעטץ האט געזאגט,** "שטיצנדע האוזינג שטעלט צו פאר ניו יארקע וועלכע האבן נישט קיין הויז מיט די סערוויסעס וואס זיי דארפן צו קענען בלייבן אין א הויז סטאבילערהייט. די שטיצנדע יוּניטס ביי די Arthaus וועלן גיבן פאר יונגע ערוואקסענע אין די איטעקע ראיאן זיכערע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן צוזאמען מיט קריטישע שטיצע. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו לייגן ביליגע האוזינג אלץ א פריאריטעט פון איר אדמיניסטראציע, אריינרעכענענדיג פראיעקטן ווי די Arthaus וועלכע אפפערן געציהלטע הילף פאר איינצלנע מענטשן און פאמיליעס צו זיכער מאכן אז זיי בלייבן אין א הויז אין זענען ערפאלגרייך אין די קאמיוניטי."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאַק שומער האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדער אין איטעקע זיכערע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן, אבער צו ווייניג אינוועסטירונג דורכאויס די היסטאריע האט געשאפן א האוזינג קריזיס אין פלעצער ווי איטעקע. איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט וואס איך האב שווער געארבעט צו באשיצן און פארברייטערן האט צוגעשטעלט די מיליאנען וואס פעלן אויס צו מאכן די הונדערטע נייע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן א רעאליטעט. האוזינג איז א מענטשליכע רעכט, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו ארויסבאקומען יעדע דאלאר אין פעדעראלע שטיצע וואס פעהלט זיך אויס צו לייגן די פונדאמענט אין איטעקע פאר א לעכטיגערע, הערליכערע און מער יושר'דיגע צוקונפט פאר אלע איינוואוינער."

**סטעיט סענאטאר טאם אָמאַראַ האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר די אנגייענדע סטעיט אינוועסטירונגען ווי די צו העלפן די ארבעט פון לאקאלע אגענטורן און קאמיוניטיס צו פארזיכערן האוזינג פאר ארטיגע איינוואוינער. Ithaca Arthaus וועט פארבעסערן די לעבנס פון פילע יונגע מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס. די נייע האוזינג דעוועלאפמענט וועט האבן א געוואלדיגע ווירקונג אויף איינוואוינער און זיי העלפן לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט און זיכערערהייט אין א הויכע-קוואליטעט פלאץ בשעת זיי זעצן פאר צו פארבעסערן און פארשטערקערן די מאטעריאל פון וואס די לאקאלע קאמיוניטי איז געמאכט."

**צייטווייליגע איטעקע מעיאר לאורא לואיס האט געזאגט,** "די סיטי איז דאנקבאר פאר o'Vecino איבערגעגעבנקייט צו אונטערנעמען דעם פראיעקט, זיי זענען געווען א וואונדערבארע שותף ביים ארבעטן צו אדרעסירן די נויט פאר מער האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן אין אונזער קאמיוניטי. אונזערע בעסטע וואונטשן אויף דעם עפענונג פון Arthaus אויף Cherry Street. איך וויל אנערקענען די קריטישע פינאנציעלע שטיצע צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינועל, און אזוי אויך באלוינונגען צו צוציהען ביזנעסער געברענגט דורך די טאַמפקינס קאונטי אינדוסטריאלע אנטוויקלונג אגענטור (Tompkins County Industrial Development Agency) צו מאכן דעם פראיעקט א רעאליטעט."

**ריק מענזארדאָו, פרעזידענט פון the Vecino Group האט געזאגט,** "איטעקע פארשטייט די וויכטיגקייט פון קונסטווערק אין די קאמיוניטי. מיר זענען דאנקבאר פאר די סיטי און אונזערע שותפים וועלכע פארשטייען אז די נויט פאר שטיצנדע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן קען זיך אריינציהען אויך אין די שעפערישע און קונסטווערק וועלט און זיי האבן געגעבן זייער צוטרויט צו the Vecino Group צו זיין טייל פון די וואוקס אין די פארעם פון Ithaca Arthaus. נישט נאר טוהען אונזערע איינוואוינער בענעפיטירן פון א פלאץ וואו זיי ווערן געשטיצט צו אויסדרוקן און מיטטיילן זייערע קונסטווערק, נאר די קאמיוניטי באקומט אויך די געלעגנהייט צו האבן די ערפארונג פון די הארץ און ענערגיע וואס דאס זיך אויסדרוקן שעפעריש קען ברענגען צו אונזערע לעבנס."

**שטופן 'Southern Tier Soaring' אויף פאראויס**

די היינטיגע אנאנס איז א חלק פון "Southern Tier Soaring" (דרום טייל - זיך אויפהייבנדיג), די ראיאן'ס ברייטע בלופּרינט וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצעטרירט זיך אויף וויאזוי צו צוציהען טאלאנטירטע ארבייטער, מאכן ביזנעסער וואקסן און טרייבן טעכנאלאגישע פארשריט. יעצט טוט די ראיאן פארשנעלערן 'Southern Tier Soaring' מיט א 500 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג דורך די אָפּסטעיט ווידער-אויפלעבונג אונטערנעמונג. די סטעיט'ס 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט באלוינען פריוואטע ביזנעסער וועלכע וועלן אינוועסטירן היבש מער פון 2.5 ביליאן דאלאר – און די ראיאן'ס פלאן,

לויט וויאזוי עס איז אריינגעגעבן געווארן, זאגט פאר 10,200 נייע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז דא צו באקומען דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן